תמצית הגליון:

הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ

## חיזוק פאר די וואך

אֲחַכֶּה לוֹ בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבוֹא

בעזהשי"ת ▪ ויחי תשפ"א ▪ גליון קו'

# וואס איז בעסער?
# צו וויסן ווען משיח גייט קומען אדער נישט?

## ווי אזוי קענען מיר זיך מחזק זיין
## נאכן ווארטן צוויי טויזנט יאר אויף די גאולה?

פרשת ויחי הייבט זיך אן מיט גלות מצרים, דער ערשטע גלות פון אלע גלות'ן וואס די אידישע קינדער וועלן אדורך גיין. ביי די גלות, זאגט אונז די תורה אויס ווען דאס גייט זיך ענדיגן "**ועבדום וענו אתם ארבע מאות שנה**". כעין זה, געפונען מיר אויך א נבואה פון ירמיהו הנביא ביי גלות בבל ווען די גלות גייט זיך ענדיגן "**כי לפי מלאת לבבל שבעים שנה אפקוד אתכם.**"[א]

אנדערש איז אבער דעם יעצטיגן גלות וואס מיר שטייען שוין דערין באלד צוויי טויזנט יאר אן קיין שום אהנונג ווען דאס גייט זיך ענדיגן, "**אחכה לו בכל יום שיבא**". קען דאך א מענטש טראכטן צו זיך, "למה נגרע, פארוואס טאר מען נישט וויסן ווען די גאולה שלימה גייט זיין? עס וואלט דאך געווען אסאך לייכטער פאר אונז צו וויסן ווען דער סוף גייט זיין!"

אין די וואכנדיגע פרשה געפונען מיר דעם תירוץ...

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה...**
(ויחי מז, כח)

פרשת ויחי איז אונז אלע באקאנט ווי א נייע סדרה. נאך ויגש, קומט ויחי (און אזוי האבן מיר מקובל מימות עזרא הסופר). אבער ווען מיר וועלן אריינקוקן אינעם ספר תורה, איז דאס נישט אזוי זיכער...

[ווען א נייע פרשה פאנגט זיך אן, קען מען קלאר זעהן א סימן אין די ספר תורה, אדער פאנגט זיך דאס אן אויף א נייע שורה (הנקראת **פ**תיחה), אדער קען מען זעהן פארדעם א ריוח פון בערך 9 אותיות (הנקראת **ס**תימה). פרשת ויחי האט אבער גארנישט.]

וכך הם דברי המדרש: (בר"ר צו, א הובא ברש"י) **למה פרשה זו סתומה?** מען קען נישט קלאר זעהן ווי פרשת ויחי פאנגט זיך אן אין די ספר תורה ווייל עס הייבט זיך אן אויפן זעלבן שורה פון פרשת ויגש (סתימה לגמרי) אן קיין שום ריוח צווישן זיי.

ענטפערט דער מדרש (אינעם צווייטן תי'): דאס בכלל נישט לאזן ריוח פאר די פרשה זאגט אונז אז עפעס גרויסע הסתרות איז דא פארגעקומען. (בדומה לאדם שאומרים לו כמה ענינים זה אחר זה בלי שום ריוח שאינו יכול להתבונן. באר השדה.)

וועלכע הסתרות? **שבקש יעקב אבינו לגלות את הקץ לבניו- ונסתם ממנו**... יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין דער קץ הגאולה, ווי דער פסוק זאגט: **וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם "אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים"** (להלן מט, א). יעקב האט צוזאמגערופן זיינע קינדער כדי איבערצוגעבן וויכטיגע אינפארמאציע, אבער ווען זיי זענען אנגעקומען, האט ער זיי אנגעהויבן בענטשן... וואס האט פאסירט מיט די אינפארמאציע וואס ער האט געוואלט דערציילן?

זאגט רש"י: בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה והתחיל אומר דברים אחרים.[ב]

בקש יעקב אבינו לגלות את הקץ...

### וועלכע קץ האט יעקב אבינו געוואלט דערציילן?

זאגט דער רבינו בחיי:[ג] ער האט געוואלט דערציילן **אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים**, אלעס וואס גייט פאסירן ביים סוף פון אונזער

---

[א] עס איז וויכטיג צו באטאנען אז ביי דיביידע גלות'ן איז דער דאטום אליין נישט געווען גענוג, דער רבוש"ע האט נאך געדארפט מגלה זיין פונקטליך פון ווען דער חשבון הייבט זיך אן. עטליכע האבן טאקע געמאכט טעותים אין דעם חשבון (עי' מגילה דף יא:) אבער פארט שטייט א "**קץ הגאולה**".

[ב] ואין להקשות דאם כן היה לו לסתום בפסוק "האספו ואגידה לכם" ששם ביקש לגלות, כיון שבאמצע הפרשה הוא אין זה ניכר. (מנחת יהודה)

[ג] עה"פ ויחי יעקב

היינטיגע שווערע און לאנגע גלות, בימות המשיח.[ד] (כי כל עניני יעקב ומקריו הם רמז לגלותינו השלישי הזה, כי כן היה יעקב שלישי לאבות.)

אבער וויבאלד ער האט געוואלט מגלה זיין וועגן משיח, (כמו שאמר **עד כי יבא שילה.** שם פסוק י'.) א זאך וואס דארף בלייבן פארהוילן, נסתלקה ממנו שכינה והתחיל לומר דברים אחרים.

**דערפאר איז די פרשה סתומה לגמרי, מרמז צו זיין אז דער ענין פון דער גאולה דארף זיין סתום לגמרי.**

## פארוואס האט יעקב געוואלט מגלה זיין דעם סוד?

זאגן די מפורשים: וויבאלד יעקב אבינו האט געזעהן אלע שווערע און לאנגע גלות'ן וואס גייען קומען אויף כלל ישראל, וויפיל מיר וועלן מיטמאכן און ליידן, האט ער זיך זייער שטארק געזארגט און געטראכט, "ווי אזוי וועלן מיינע טייערע קינדער דאס קענען מיטמאכן? ווי אזוי וועלן זיי זיך קענען האלטן אין אזא לאנגן גלות אן וויסן ווען עס גייט זיין דער סוף?! ענדערש לאמיר זיי דערציילן ווען זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט און אזוי ארום זיי מאכן גרינגער, וויסנדיג אז מען וועט ח"ו נישט פארגעסן פון זיי און עס גייט קומען א סוף צו זייער ליידן.

אויב אזוי...

## פארוואס דארף דאס טאקע זיין אזוי פארהוילן?

זאגט די מדרש (ילקוט שמעוני קנז): **כשבקש יעקב לגלות הקץ**, האט דער אייבערשטער געזאגט, "**לא אותי קראת יעקב** (ישעיה מג, כב), יעקב רעכנט זיך נישט מיט מיין כבוד"!

פארוואס איז דאס אזא פחיתת הכבוד? אדרבה, ווען מיר וואלטן געוואוסט פונקטליך ווען דער גאולה גייט זיין, וואלטן מיר נאך מער געגלייבט און אויסגעווארט?

~ דער לעצטע פסוק פון פרשת ויגש ~

**וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן,**
**וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד.**

די פסוק רעדט וועגן די זינד פון די אידן און דער שאדן וואס איז ארויסגעקומען ווייל די אידן אין מצרים האבן געוואוסט קלאר ווען זייער גאולה וועט זיין... **וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן**, זיי האבן זיך אנגעהויבן באזעצן און באקוועם מאכן עד כדי כך, **וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**, וויסנדיג אז זיי גייען נאך דא זיין א לאנגע צייט.

~ דער ערשטע פסוק פון פרשת ויחי ~

**וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה...**

דערפאר, קומט יעצט דער ערשטע פסוק אין ויחי גלייך נאך יענעם פסוק, אונז אויסצולערנען אז יענע טעות גייט זיך מער נישט איבער'חזר'ן! **ויחי יעקב.** פארוואס שטייט נישט **רוח יעקב** ווי עס שטייט אין פרשת ויגש, וַתְּחִי **רוּחַ** יַעֲקֹב אֲבִיהֶם (מה, כז)? יעקב האט דאך שוין דא צוריקבאקומען זיין רוחה"ק נאכן טרעפן יוסף. (עיי"ש פי' רש"י "**ותחי רוח יעקב**"- שרתה עליו שכינה שפירשה ממנו)

נאר היינו טעמא: **ויחי יעקב**, ווייל דא האט ער טאקע שוין נישט געהאט קיין רוח הקודש. וואס איז פלוצלינג געשעהן? כדי שלא יגלה הקץ האחרון ושלא יתפשט נזק זה לדורות... בעסער זאל מען נישט וויסן דער זמן פון די גאולה שלימה און קענען מקיים זיין דעם אחכה לו בכל יום שיבא...

ווייל כדי צו קענען באמת לעכצן און האפן אויף די גאולה השלימה "טאר מען נישט וויסן ווען די גאולה גייט זיין!" שטעלט אייך פאר אז אלע צדיקי אמת וואס האבן אזוי איינגעריסן יעדן איינציגן טאג פאר די גאולה השלימה, וואלטן געוואוסט אז די גאולה גייט נישט קומען אפי' נאנט צו זייערע טעג, ווי אזוי וואלטן זיי דאס אויסגעהאלטן? ווי אזוי וואלטן זיי געבעטן און געהאפט?

דער סאטמאר רבי זי"ע בעל דברי יואל האט געזאגט אין זיינע לעצטע יארן הושע"ר (דרשת הושע"ר תשכ"ב אות נז):

וז"ל: "דער זיידע ז"ל, דער ישמח משה, האט געזאגט אין זיין לעצטע דרשה, "גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, אז ער העט ווען געוואוסט אז ס'וועט אזוי לאנג דויערן, העט ער נישט געווען געקענט ווערן קיין זקן. ער העט עס נישט געווען אויסגעהאלטן, נאר ער האט געזאגט פארן בוכ"ע, "דו האסט מיך פאר'נער'ט! וואס א נוצן האסטו אז דו האסט אויסגע'פאפט אן אלטן נער?"

ענדיגט צו דער רבי זי"ע, "בעוה"ר, אונז זענען מיר פאר'נער'ט אז מ'שפירט גארנישט, מ'איז אזוי נתגשם, 'אין בשר המת מרגיש באיזמל' (שבת י"ג ע"ב), מען האלט אלעס אויס."

זאגט די עקידה (הובא בכלי יקר ויחי): דער אייבערשטער האט געזאגט "אויב אנטפלעקט מען די קץ הגאולה, קען ארויסקומען א גרויסע שאדן פאר מיר! ווייל אויב די אידן וועלן וויסן פונקטליך ווען די גאולה גייט זיין, וועלן זיי שוין בכלל נישט בעטן פאר דעם, ווייל זיי וועלן וויסן אז עס איז נאך סיווי דא געגנוג און נאך צייט ביז די גאולה וועט אנקומען. דערצוויל, וועלן זיי זיך באזעצן זארגלאז ווי געהעריגע תושבים צווישן די ארצות העמים ווייל זיי ווייסן אז זיי וועלן דארט זיין א שיין שטיקל צייט און... צוביסלעך זיך מתייאש זיין פון די גאולה.

דערפאר האט דער אייבערשטער דוקא פארהוילן די זמן פון די גאולה שלימה, כדי אז אין יעדע דור, זאל מען עקסטער בעטן און דאווענען אויף די גאולה שלימה און אויף משיח צדקינו, טראכטנ'דיג אז יעדע רגע און יעדע מינוט קען ער אנקומען.... און ממילא, וועלן זיי זיך נישט אזוי באזעצן בארצות העמים, נאר בלייבן ווי גרים וואס האפן כסדר אויף די ישועה שלימה.

**זאגט דער אייבערשטער**: בעסער זאלן די בני ישראל נישט וויסן

---

[ד] שאין לפרש כוונתו על קץ מצרים דלמה נסתמא ממנו, שהרי הקץ של מצרים נגלה לאברהם בפירוש שאמר לו הקב"ה (בראשית טו, יג) ידוע תדע כי גר היה זרעך בארץ לא להם ארבע מאות שנה, ולא צוה עליו שלא לגלות... אלא מפני שרצה לגלות הקץ של כל הגליות... (מהר"ל גור אריה עמ' רמב)

דעם זמן פון די גאולה שלימה, כדי זיי זאלן האפן אוןווארטן **בכל יום שיבא** און בלייבן מיט זייער אהבה צו מיר דורכאויס דעם גאנצע גלות...

שטעלט אייך פאר אז די אידן ביים חורבן בית שני וואלטן געוואוסט אז עס גייט נעמען אן ערך פון 2,000 יאר ביז די גאולה גייט זיין. ווער וואלט דען דעמאלטס געדאווענט? ווער וואלט דעמאלטס געבעטן פאר די גאולה? זיי וואלטן געטראכט אז עס איז סיווי דא אסאך צייט ביז די גאולה וועט אנקומען, "וכמתיאשים מן הגאולה"... און זיך זייער באקוועם געמאכט ווי געהעריגע תושבים בארצות העמים...

דערפאר, איז דער תורה מסמיך דער לעצטע פסוק פון פרשת ויגש צו דער ערשטע פסוק פון פרשת ויחי צו ווייזן וואס איז געשעהן אין מצרים ווען די אידן האבן געוואוסט ווען דער גאולה גייט זיין. און **דערפאר טוט דער אייבערשטער יעצט אין פ' ויחי פארהוילן די זמן פון די גאולה שלימה כדי אין דעם קומענדיגן גלות זאל יא זיין דעם "אחכה לו בכל יום שיבא..."**

## פארוואס דארף טאקע זיין אחכה לו בכל יום שיבא...
# וואס איז דער פראבלעם מיט זיך מאכן באקוועם אין גלות?

### משל למה הדבר דומה:

א שטוב וואס די מאמע איז ל"ע נישט געזונט געווארן און מען האט בעל כרחך געמוזט צוטיילן די קינדער ביי די קרובים.

די געטרייע קינדער, על אף וואס זיי פארשטייען און ווייסן גאנץ גוט אז דאס מוז זיין, דאך וועלן זיי כסדר פרעגן דעם טאטן, "טאטי, ווען קומען מיר שוין אהיים?" ווי גוט עס זאל נאר זיין ביי די קרובים, וועט די אינערליכע אהבה צו זייער מאמען גובר זיין און זיי וועלן כסדר וויינען "**ווען גייען מיר שוין אהיים?**" נישט קיין חילוק ווי לאנג עס זאל נאר נעמען, וועט די אהבה זיך כסדר אויפוועקן און בענקן.

די געטרייע מאמע, הגם עס איז איר זייער שווער צו הערן די געבעהט ווייל זי מוז כסדר ענטפערן "**ווארט צו נאך אביסל**"... וואלט איר פיל שווערער געווען ווען די קינדער וואלטן בכלל נישט געפרעגט!

**ווייל ווען קינדער פרעגן שוין נישט און מאנען נישט אהיים צו גיין, איז א סימן אז עפעס טויג נישט! די קשר צווישן די קינדער און די עלטערן זענען מער נישט די זעלבע...**

דער תכלית פון א איד איז צו וועלן זיין ווי נענטער צום רבוש"ע, וואס דאס וועט נאר זיין ווען מיר וועלן זיין ביים טאטען אינדערהיים, **וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים תָּשׁוּב, וְתִשְׁכּוֹן בְּתוֹכָהּ כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ**. כל זמן וואס מיר זענען נישט זוכה צו דעם, פעלט אין אונזער קשר מיטן טאטן...

אבער ווען מיר רופן כסדר אהיים און בעטן זיך "**אחכה לו בכל יום שיבא**", מיר פארגעסן נישט פון אונזער אמת'ע היים און פון אונזער מאמע, די שכינה הק', דאס צייגט אונזער גרעסטע אהבה פארן אייבערשטען.

**דעם פארגאנגענעם פרייטאג עשרה בטבת תשפ"א**, ווען דער גאנצע ציבור האט געפאסט און געזאגט "עננו", האט זיך ווידער ארויסגעוויזן דעם געוואלדיגע אהבה.

ווי דער חת"ס זאגט אין זיינע דרשות[ה]: ווען אידישע קינדער וויינען און קלאגן אויפן חורבן און אויף די צרות ישראל וואס זענען געשעהן הונדערטער יאר צוריק, דעמאלטס ווייזן מיר ארויס אונזער אויסטערלישע אהבה צום רבוש"ע און אונזער כסדר'דיגע האפענונג פון צוריקקומען[ו]. ווייל ווען נישט וואס מיר שפירן נאכאלץ א ליבשאפט צום רבוש"ע, אפי' נאכן זיין פארטריבן הונדערטע יאר אין גלות, וואלטן מיר קיינמאל נישט געקענט אזוי לאנג וויינען און פאסטן.

זאגט די חת"ס: דאס איז פשט אין די פסוק, **כֹּה אָמַר ה' צְבָאוֹת צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי... יִהְיֶה לְבֵית יְהוּדָה לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה** (זכריה ח, יט). די תעניתים און בכיות וואס אידן האבן געקלאגט אויפן חורבן במשך די לאנגע גלות, דאס אליין וועט זיין פאר אונז א געוואלדיגע שמחה לעתיד. פארוואס? ווייל דאס האט געוויסן אונזער אויסטערלישע אהבה וואס מיר האבן געהאט די גאנצע צייט צום רבוש"ע און אונזער שטענדיגע האפענונג אז מיר וועלן נאך אמאל צוריקקומען![ז]

**ווי לענגער דער בענקעניש האלט זיך אן,**
**ווי שטערקער דער געוויין,**
**אלץ מער אהבה ווייזט זיך ארויס.**

זאגט די חת"ס: דער כח פון גלייבן און האפן, דער "גייסט פון בענקעניש", דאס איז א מתנה פונעם רבוש"ע וואס ער אליין שיקט אונז כסדר אריין. מיר דארפן נאר אכטונג געבן דאס נישט צו פארשטילן... (ועי' בהמשך איז זכו ישראל לזה). אין וועלכע זכות האבן מיר זוכה געווען צו דעם?

## רחל אמנו

**קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע נְהִי בְּכִי תַמְרוּרִים,**
**רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ כִּי אֵינֶנּוּ.**
(ירמיהו לא, יד)

ווי נאר עס קומט אן פרשת ויחי, זינגט זיך דעם ניגון פון דעם באקאנטן "**ואני**". איין פסוק חומש און אזויפיל מדרשים און חיזוק אריינגעלייגט אין דעם! ווער רעדט נאך פונעם צווייטן חלק, ווי מען פירט אויס מיט די הארציגע ניגון... "ווייל ווען נבוזראדן הרשע וועט

---

[ה] דרשות חת"ס דרוש לח' טבת תקצ"ו

[ו] גזירה על המת שישתכח מהלב, ולא על החי, וע"כ וימאן יעקב להתנחם (עיי"ש רש"י לז, לה), וכ"נ אנו אם ממאנים להתנחם עדיין התקוה קיימת.

[ז] אזוי אויך, איז אונז מרמז די פסוק אין ישעיהו: שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל הַמִּתְאַבְּלִים עָלֶיהָ... שישו אתה, פריידט זיך מיט איר יעצט, כל המתאבלים עליה, יעדער וואס קלאגט אויף איר. יא, דו קענסט זיך פרייען אויפן פאקט אז דו קלאגסט. (עיי"ש בהערות ע"פ החת"ס בחי' עמ"ס ב"ב דף ס: ד"ה רבו, בשם מהר"ם אלמושנינו זצ"ל)

פארטרייבן די אידן אין גלות אריין, וועלן די אידן אריבער גיין רחל'ס קבר, און זי וועלן וויינען און שרייען, וועט רחל אויפשטיין פון איר קבר און זי וועט שרייען און בעטן פאר זיי, ווי עס שטייט אין פסוק, **קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע- א קול ווערט געהערט אין הימל, "רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ"...**

לאמיר פארשטיין: וואס שרייט רחל און וואס ענטפערט איר דעם רבוש"ע?

## וואס שרייט רחל?

רחל אמנו האט געהערט די ווי געשריי פון די אידישע קינדער וואס ווערן פארטריבן פון זייער הייליגן טאטן, ארויסגעווארפן פון זייער הייליג לאנד און גייען אין גלות אין די גוי'אישע לענדער. רחל האט אנגעהויבן שרייען און וויינען צום אייבערשטער, "וואו איז די אהבה? וואס וועט זיין מיט די קשר צווישן כלל ישראל און זייער הייליגן טאטן? ווער ווייסט אויב די טייערע אידישע קינדער וועלן זיך קענען דערהאלטן דארטן נאכן מיטמאכן אלע צרות אין לײדן פון אזויפיל יאר?!"

(בו בזמן וואס זי רעכנט אויס אלעס וואס זי איז אריבער און וויפיל זי האט מוותר געווען פאר איר שוועסטער... ביז זי איז מעורר רחמי שמים עיי"ש באיכה רבתי פתיחתא כ"ד סו"ד.)

און דער אייבערשטער ענטפערט איר, "רחל, דו ביסט גערעכט!" מִיָּד נִתְגַּלְגְּלוּ רַחֲמָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְאָמַר, "בִּשְׁבִילֵךְ רָחֵל אֲנִי מַחֲזִיר אֶת יִשְׂרָאֵל לִמְקוֹמָן... טאקע צוליב דיר רחל, וועל איך זיי נישט פארטרייבן אויף אייביג, נאר איך וועל זיי נאך אמאל צוריק ברענגען אהיים."

וּכְתִיב: **כֹּה אָמַר ה', "מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי וְעֵינַיִךְ מִדִּמְעָה כִּי יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ וגו'"** דער אייבערשטער זאגט פאר רחל, "הער אויף צו וויינען, יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ... **וְיֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ נְאֻם ה' וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם**." (ירמיה לא, יד)

## וואס ענטפערט איר דעם רבוש"ע?

לכאורה דארף מען פארשטיין: וועלכע צוזאג האט רחל באקומען אז דער אייבערשטער זאגט איר "**מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי**"? דאס אז די אידן וועלן נאכאמאל צוריקקומען, דאס איז געוואלדיג. אבער דאס אליין איז נישט גענוג פאר רחל, זי זארגט זיך ווייטער, "וואס וועט זיין ביז דעמאלטס? ווי אזוי וועלן מיינע טייערע קינדער זיך קענען האלטן אין אזא לאנגן און שווערן גלות?"

**ווער קען דען נישט דער נוסחא פון ר' בונם פון פשיסחא,**
**"רבוש"ע, לייז אונז אויס אלץ אידן, ווי איידער אלץ גוים חלילה..."**

דערפאר, ענטפערט איר דער אייבערשטער אויף די צווייטע בקשה אויך. "**יֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ נְאֻם ה'**," ניין, עס וועט נישט זיין בלויז וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם און ביז דעמאלטס וועלן די אידן זיצן אין גלות און פארגעסן פונעם רבוש"ע אדער פארגעסן ווערן ביים רבוש"ע. ניין! עס וועט אויך זיין יֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ, עס וועט אויך בלייבן א האפענונג אין די הערצער די אידן. במשך די גאנצע זמן אין גלות, אפי' טויזנטע יארן שפעטער, וועלן די אידן נאך האבן א גליסטעניש און בענקעניש צו די גאולה שלימה, וואס וועט קיינמאל נישט אפגעקילט ווערן." ווי אזוי? דורכדעם וואס איך וועל כסדר ארייננבלאזן אין זיי א נייע גייסט, וואס וועט זיי מאכן בענקן און האפן, **אחכה לו בכל יום שיבא!**

**וַיַּצֵּב יַעֲקֹב מַצֵּבָה עַל קְבֻרָתָהּ הִוא מַצֶּבֶת קְבֻרַת רָחֵל עַד הַיּוֹם.** (לה, כ)

די מצבה וואס יעקב אבינו האט געלייגט אויף רחל'ס קבר שטייט נאך ביזן היינטיגן טאג... זאגט די מדרש: **תני ר' שמעון בן גמליאל אין עושין נפשות לצדיקים**[ח] (מד"ר פב, י). מען רעדט נישט דא פון א מצבה ממש (קבר רחל) וואס יעקב האט איר געמאכט, ווייל צדיקים דארפן נישט די סארט גע׳דענקעניש, נאר דבריהם הן זכרוניהם, זייער עצם רייד און מעשים טובים אליין, דאס איז זייער זכרון.[ט]

וועלכע ציון האט יעקב איר געמאכט? זאגט די מדרש: **שנקראו ישראל על שם רחל**, נישט נאר אירע אייגענע קינדער וואס זי האט געבוירן וועלן גערופן ווערן אירע קינדער, נאר גאנץ כלל ישראל וועט פארופן ווערן אלץ אירע קינדער. ווי עס שטייט: **הבן יקיר לי אפרים.** (ירמיהו לא, יט)

**לפי"ד עד כה:** קען מען זאגן נאך מער, נישט נאר ווייל זי האט געבעטן פאר גאנץ כלל ישראל, דערפאר איז זי אונזער מאמע, נאר ווייל גאנץ כלל ישראל לעבט נאכאלץ פון אירע תפילות, דערפאר איז זי אונזער מאמע. נאר דורך איר, האבן מיר זוכה געווען צו די ברכה פון יֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ, אז היינטיגע צייטן, אין יאר תשפ"א, אפי' מיר זענען שוין באלד צוויי טויזנט יאר אין גלות, זאלן מיר נאכאלץ האבן דעם קאפ אויפן פלאץ, מיר געדענקן נאך און בענקן נאך צום **וְלִירוּשָׁלַיִם עִירְךָ בְּרַחֲמִים תָּשׁוּב, וְתִשְׁכּוֹן בְּתוֹכָהּ כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ...** דאס איז אונזער מאמע רחל'ס קרעדי"ט...

יעדעס מאל וואס מיר וועלן זיך בענקן און בעטן פאר די גאולה, אפי' נאך אזויפיל יאר, וועט זיך נאכאמאל אויפפרישן אונזער אהבה און נאנטקייט צום אייבערשטער און מיר וועלן שרייען, "ניין, מיר ווילן נישט דא בלייבן, מיר ווילן צוריק אהיים!"

> **ושמעתי** מפי מגידי אמת בשם הרה"ק ר' אלעזר מרישא זי"ע, ששע מבעל דברי חיים זלה"ה, איך שהעיד מפ"ק הרה"ק מראפשיטץ זי"ע, שלא יהיו צריכים לסבול ולעבור כל אלו הצרות והנסיונות שהגידו חז"ל ברוח קדשם על זמן ביאת המשיח, כי כבר נמתקו ע"י צדיקי הדורות **נאר, דער געוועלבער וועט שטיין אין געוועלב, דער וועטערס-הייזער אין ווערטסהויז און פלוצים וועט מען קומען זאגן אז משיח איז געקומען.** עלכה"ק....
>
> ועכשיו כבר אנו עומדים בזמן הגאולה, וההכנות וחבלי משיח כבר עברו על ראשינו, יעזור הבוכ"ע שיהי' די במה שסבלנו כבר, אבל אשרי אדם מפחד תמיד... (דברי יואל פרשת ויחי דף תקס"ו)

---

[ח] מצבה נקרא נפש, כיון שהוא לזכרון המת.

[ט] ווי מיר האבן טאקע געזעהן נאכאמאל ביי רחל יארן שפעטער, אז איר רייד פון געוויין, געבונדן מיט איר מעשים טובים, האבן צוגעברענגט אז נִתְגַּלְגְּלוּ רַחֲמָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא... (פי' ידי משה שם במדרש)

# מוסר השכל:

## אחכה לו בכל יום שיבא

פון איין זייט, קוקט אונז אויס ווי מיר זיצן אפ אזוי לאנג אין גלות און ווי א יאר גייט פאראיבער, ווערן מיר יידער מער און מער באקוועמער טראקטנ'דיג "יא, עס איז ריכטיג אז מיר בעטן און זענען מתפלל אז משיח זאל שוין קומען, אבער עס קוקט אונז אויס ווי א חלום..."

און ווען מען הייבט אן טראכטן פון דעם, קען מען ווערן זייער צובראכן, "וואס וועט זיין מיט אונזער צפית לישועה?"

דערפאר, זאגט מען פאר דעם מענטש, "קוק אויף פרשת ויחי. למה פרשה זו סתומה לגמרי? פארוואס האט מען געמאכט אזא שינוי אין די ספר תורה? להורות לנו לדורות, אז דער קץ הגאולה איז נישט קיין זאך וואס איז פאר אונז צו וויסן!"

פארוואס נישט? ווייל מיר דארפן האבן די בחינה פון **אחכה לו בכל יום שיבא**, האפן און גלייבן אז יעדע רגע קען משיח אנקומען! איי, א מענטש קען פרעגן, "ווי אזוי איז דאס שייך? מיר זענען שוין צוויי טויזנט יאר אין גלות, ווי אזוי קענען מיר נאכאלץ זיין אויף די מדריגה פון אחכה לו בכל יום שיבא?"

יא, דאס האט די מאמע רחל געפועל'ט פאר אונז ווען זי האט באקומען די ברכה פון **יש תקוה לאחריתך**, עס וועט זיך אייביג בענקן... די בענקעניש ליגט טיף באגראבן אין יעדע איד, מען דארף דאס נאר ארויפברענגען צום אויבערפלאך... און אודאי נישט טוהן קיין פעולות פארקערט. האסט געפאסט עשרה בטבת? האסט געגעבן איין קרעכץ ביי "ותחזנה עינינו בשובך לציון" אין שמו"ע? האסטו שוין ארויסגעברענגט דעם "צפית לישועה", דיין אהבה צום רבוש"ע איז ארויסגעקומען! אין אנדערע ווערטער האסטו געזאגט, "רבוש"ע, איך וויל זיין נאנט צו דיר, איך וויל צוריק אהיים!" **ווי שטערקער דער בענקעניש, אלץ מער אהבה ווייזט זיך ארויס...**

פון די אנדערע זייט, האט איר שוין אמאל אריינגעטראכט אז ווי מער מיר מאכן זיך באקוועם אין גלות, אלץ מער שטערט דאס פאר אונזער צפית לישועה?! מיר וואלטן דאך געדארפט זיין ווי רייזנדע אונטערוועגנס וואס מאכן נישט קיין עסק ווי אזוי זייער אכסניא קוקט אויס![א] (מפי החפץ חיים)

ווי דער כלי יקר באקלאגט זיך שוין אויף זיין דור: בעוונותינו הרבים מדה זו מצויה בינינו, היינט איז ליידער זייער פארשפרייט דער מושג. (אפילו אין דער מצב ווען מיר ווייסן נישט ווען און זענען אחכה לו בכל יום שיבא, על אחת כמה וכמה, ווען מיר וואלטן יא געוואוסט ווען!) עס איז ליידער דא אסאך מענטשן וואס באזעצן זיך אין די לענדער פון די גוים, בויען זיך שיינע ברייטע און טייערע הייזער געמאכט פון שטיין און אייזן כדי עס זאל זיין שטארק און בלייבן פאר אייביג. רבונו דעלמא כוליה ...

און ווייל זיי מאכן זיך אזוי באקוועם אין גלות, ברענגט דאס צו אז "לעולם אינן דורשין את פני ה' בכל לב להביאם אל ארצם".

וואס זאלן מיר זאגן, אין אונזערע צייטן... מיר דארפן דאס געדענקן אויף יעדע טריט און שריט אין אונזער לעבן. ווען מען בויט א הויז, מען קויפט א קאר א.א.וו., זאל מען כאטש רעדן איידל דערפון, מען דארף כאטש געבן א קליינע טראכט, "משיח זאל נאר קומען, לאז איך אפ אלעס און איך לויף..."

**לאמיר טאקע זוכה זיין בקרוב בימינו במהרה.**

# צידה לדרך

## קול ברמה נשמע.

פרעגט דער רמב"ן (וישלח לה, טז עה"פ כברת ארץ): איז דען רחל באערדיגט געווארן אין "רמה", אז מען הערט איר קול פון דארטן?! זי איז דאך באערדיגט געווארן נעבן בית לחם! און דער רמב"ן זאגט נאך מער: איך האב געהאט די זכייה ארויפצוגיין קיין ירושלים צו זעהן די מקום הקבורה, **וראיתי שאין הקבורה ברמה ולא קרוב לה**, עס איז נישט נאנט צו די שטאט רמה וועלכע איז אין די חלק פון בנימין, ווייל דאס איז ווייט כמעט 4 פרסאות פון קבר רחל. עס איז אויך נישט נאנט צו די שטאט רמה וועלכע איז אין די חלק פון אפרים, ווייל דאס איז ווייט כמעט צוויי טעג פון קבר רחל. פון וועלכע שטאט "רמה" רעדט מען דא?

זאגט די רמב"ן: על כן אני אומר... ווען די פסוק זאגט **קול ברמה נשמע**, איז עס א מליצה וכדרך משל. די פסוק וויל אונז זאגן ווי שטארק רחל האט געוויינט, אז דער קול פון איר וויינען און שרייען האט מען געקענט הערן אזוי ווייט ביז צו די בערג פון בנימין. (והא ראיה, זאגט די רמב"ן: זיי מדייק. עס שטייט נישט "ברמה רחל מבכה" על בניה, נאר "קול ברמה נשמע", אין רמה האט מען געקענט הערן איר קול.[א])

ואולי י"ל, פארוואס דארף מען הערן איר קול אין רמה? ווען מען קוקט אין מדרש, זעהט מען אז בעת ווען די אידן זענען געפירט געווארן קיין בבל, איז נבוזראדן הרשע דעמאלטס געווען אין רמה, על כן היה צריך לשמוע קולה שם.

---

**פארוואס זענען די אידן געפירט געווארן פונקט קיין בבל?**

רבי חנינא אמר: דרך העולם היא, שכאשר חבורת אנשים מתישבת בארץ זרה, היא מסגלת לעצמה את שפת המדינה בה התישבה והאנשים מתחילים לדבר באותה שפה.

**ולפיכך הגלה הקב"ה את ישראל לבבל, מפני ששפת בבל באותם הימים היתה ארמית, שהיא דומה מאד ללשון הק'**, ולכן אף אם היהודים יסתגלו ללשון הארמית ימשיכו להבין לשון הקודש, וכך לא תשתכח מהם התורה. (איכה רבה סוף הפתיחה)

---

**פון דער גאולת מצרים קענען מיר זיך לערנען ווי גרויס דער גאולה שלימה גייט זיין.**

הקב"ה לא הבטיח גאולת מצרים אלא בשני דיבורים שנאמר "דן אנכי" (בראשית טו) וגאלם בשבע ועשרים דיבורים שנאמר "או הנסה אלוקים" וכו' (דברים ד, לד) ועל זה אמר רבינו סעדיה גאון (הרס"ג) אם כשהבטיח את אבותינו בשני דיבורים, עשה להם כמה נסים ונפלאות, על הגאולה העתידה לבוא שנכתבו כמה ספרים מהבטחות ונחמות, על אחת כמה וכמה כי נפלאים יהיו מעשיו. (רבינו יונה פ"א טו)